ב"ה

# טעראפּי

- ענקזייעטי
- דיפרעסיע
- פאביעס
- עדיקשאנס
- או.סי.די.
- פאניק אטאקעס
- סעלף קאנפידענס
- א.ד.ג.

גליון 86

געקליבענע בריוון פון ספר עצתו אמונה - ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב - בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

## האב איך נאך אן האפענונג צו זיין גוט?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*איך וויל אזוי שטארק זיין אן ערליכער איד, אבער עס גייט מיר ממש נישט. איך שעם זיך זייער צו שרייבן וואס עס גייט אריבער אויף מיר, נישט קיין שחרית, נישט קיין מנחה, נישט קיין מעריב, נישט קיין תפלין, גארנישט. נאר א בלאט גמרא יעדן טאג, איך גיי אין מקוה, און איך רעד אביסל צום אייבערשטן.*

*איך ווייס אז עס איז געפערליך, עס טאר נישט זיין אזוי, אבער ווי אזוי צו איך זיך ארויס פון דעם ביטער געשעפט. איך וויל זיין א פשוטער ערליכער איד, איך בין זייער פארשעמט פון מיין אייגענע אויפפירונג, האב איך נאך אן האפענונג צו זיין גוט?*

*יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת פקודי, ב' אדר ב', שנת תשפ"ד לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

מוהרא"ש זכותו יגן עלינו שרייבט אין די תשובות (שו"ת ברסלב חלק ב', מכתב רמב), איינער שרייבט אזא שאלה: "איך בין אזוי געפאלן אז איך לייג נישט קיין תפילין", מוהרא"ש ענטפערט אים: "דאס קומט פון זיין דערביטערט", און מוהרא"ש שרייבט אים: "וויסן זאלסטו, עס וועט דיר גארנישט העלפן דאס זיין דערביטערט, עס וועט דיר נאר מער און מער אראפווארפן, ביז שאול תחתית".

### אין רבינ'ס ספרים וועסטו זען די רחמנות פון אייבערשטן

מוהרא"ש מיט זיין גרויס רחמנות געבט אים אן עצה ער זאל זיך מאכן א שיעור אין רבינ'ס ספרים, מוהרא"ש זאגט: "ולכן לדעתי תתחיל לעיין בספרי רביז"ל ושם תראה את גודל רחמנותו יתברך על כל בריותיו, ובפרט אלו שחוזרים אליו ומתחילים לדבר עמו יתברך, עליהם הקדוש ברוך הוא פונה תיכף ומיד", אין רבינ'ס ספרים וועסטו זען די רחמנות פון אייבערשטן, ווי ער האט אויף יעדן רחמנות, ובפרט אויף די וואס קערן זיך צוריק, די וואס טוען תשובה; אויף זיי האט ער זייער רחמנות און ער נעמט אן זייער תשובה.

### עס וועט ווערן ממש תחיית המתים

דעריבער טייערער ברודער, מאך זיך א שיעור אין רבינ'ס ספרים. לדעתי זאלסטו אנהויבן מיט ספר אשר בנחל, דאס איז א תמצית פון רבינ'ס ספרים, **די בריוו וועלן דיך אויפוועקן און מוטיגן צו תשובה**, צו גיין אין שול אנטון טלית ותפילין, און דאווענען די דריי תפילות. די בריוו פון ספר אשר בנחל וועט אריינבלאזן א גייסט אין דיר, עס וועט ווערן ממש תחיית המתים, וועסט ווערן א גרויסער צדיק. אזוי ווי דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן שמט): "**שֶׁיְּכוֹלִין לִהְיוֹת נַעֲשֶׂה בַּעַל תְּשׁוּבָה גָּמוּר עַל יְדֵי לִמּוּד הַסֵּפֶר שֶׁלּוֹ**", מען קען ווערן אן אמת'ער בעל תשובה אז מען לערנט זיין ספר, "**וְאָמַר, שֶׁמִּי שֶׁיֵּשֵׁב וְיַעֲסֹק בִּסְפָרָיו רַק בְּלִי קִנְטוּר וְנִצָּחוֹן, וְיִסְתַּכֵּל בּוֹ בֶּאֱמֶת, אָז בְּוַדַּאי יִהְיוּ נִבְקָעִין אֶצְלוֹ כָּל גִּידֵי קַשְׁיוּת לְבָבוֹ**, ואמר בזו הלשון: "סע וועט אים אלע אדערן טרענען", און ווער עס וועט לערנען זיין ספר מיט אן אמת, וועט זיך אים עפענען אלע פארשטאפטע אָדערן און ער וועט ווערן אן ערליכער איד.

די ספרים און קונטרסים פון מוהרא"ש האט א כח צו מאכן דעם מענטש פאר א בעל תשובה, די בריוו זענען דעם רבינ'ס שיחות, און דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן שנח): **"מיט יעדע שיחה וואס איך שמועס מיט ענק קען מען זיין אן ערליכער איד, און נישט סתם אן ערליכער איד נאר אן ערליכע איד אזוי ווי איך מיין אן ערליכער איד"**; רבי נתן זאגט (שם): "**וְגַם אֲפִלּוּ עַכְשָׁו כְּשֶׁלּוֹמְדִין דְּבָרָיו הַקְּדוֹשִׁים יֵשׁ לָהֶם גַּם כֵּן כֹּחַ גָּדוֹל לְעוֹרֵר לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לִזְכּוֹת לְדַרְכֵי ה' בֶּאֱמֶת, לְמִי שֶׁיָּשִׂים לִבּוֹ הֵיטֵב לִדְבָרָיו וּלְשִׂיחוֹתָיו הַקְּדוֹשִׁים הַנֶּאֱמָרִים בְּזֶה הַסֵּפֶר, וּבִשְׁאָר סְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים**", דעם רבינ'ס ספרים פארמאגן א מורא'דיגן כח צו מעורר זיין א מענטש צו דינען דעם אייבערשטן; אין יעדע שמועס פון רבי'ן ליגן געוואלדיגע עצות און הדרכות פארן לעבן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## ווי אזוי קען איך העלפן מיין ווייב?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*איך מוטשע זיך שוין זייער לאנג מיט מיין ווייב, זי טענה'ט אז איך העלף נישט גענוג, אפילו איך טו מער ווי די כוחות איר צו העלפן, און אזוי ווייטער איז נאך פילע זאכן וואס זי הערט נישט אויף זיך אפצורעדן אויף מיר.*

*לעצטנס האט מיין ווייב זייער שטארק געוואלט גיין צו א טערעפיסט, און דער ראש ישיבה האט מיר געזאגט איך זאל גיין מיט איר, יענער האט מיר מסביר געווען אז מיין ווייב קוקט מיך נישט ארויף ווייל איך בין צו א ווייכער און איך פארלאנג קיינמאל נישט פון איר קיין שום זאך, און ווי אזוי זי גייט און וואס זי טוט בין איך אלץ צופרידן, און דאס מאכט אז זי זאל מיך אראפקוקן, ווייל א פרוי דארף א שטארקער מאן.*

*פאר מיר איז עס געווען זייער אינטערעסאנט צו הערן, ווייל פארוואס זאל א פרוי ארויפקוקן איר מאן נאר ווייל ער איז א גוטער און א ווייכער, און אויב וועל איך שרייען און זיך רעגן אויף יעדע זאך און זיין א שטארקער מחמיר אויף יעדע קליינע חומרא, וועט זי מיך דעמאלט אנהויבן ארויפקוקן?*

*יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת שמות, ט"ו טבת, שנת תשפ"ב לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

מאך זיך נישט צוטון פון די פותרי חלומות פון פרעה; א שאד די צייט פאר די נארישקייטן, נאר עצות פון צדיקים איז גוט נאך צו גיין.

## מען גייט צו טערעפי למען השלום

דאס וואס איך האב דיר געהייסן גיין מיט דיין ווייב וכו' - איז נישט אז דו זאלסט אויסהערן וואס זיי זאגן, זיי האבן נישט וואס צו זאגן, זיי האבן נישט וואס צו פארקויפן, זיי קענען זיך אליינס נישט העלפן; ווי קענען זיי העלפן א צווייטן? נאר אז די ווייב וויל גיין צו טערעפי - גייט מען למען השלום און מען האט אינזין צו פטר'ן די מרור.

## פרויען דארפן אסאך כבוד

דו פאלג דעם רבינ'ס עצות - וועסטו האבן א גוט לעבן; עצות פון צדיקים איז דער וועג ווי אזוי מען קען האבן א חיים טובים. דער רבי זאגט (לקוטי מוהר"ן חלק א', סימן ז): "הָעֵצוֹת שֶׁל הַצַּדִּיק הֵם כּוּלוֹ זֶרַע אֱמֶת"; מיט די עצות וואלט יעדער מענטש געקענט האבן א חיים טובים, די עצה פון רבי'ן איז פארקערט ווי יענער האט דיר געזאגט; דער רבי זאגט (שם, סימן רב): "צָרִיךְ לַחֲלֹק לוֹ כָּבוֹד בְּיוֹתֵר", מען זאל געבן כבוד פון די ווייב, ווייל פרויען דארפן אסאך כבוד און זיי זענען זייער מקפיד אויף כבוד; זאלסטו רעדן שיין, ווייך און הארציג, און איר נאר אויפבויען, נאר אויפהייבן - וועט זי מיט דער צייט ווערן שטארק און האבן כח.

די בעסטע טערעפי פאר א פרוי - איז דער מאן, א מאן קען אויפבויען זיין ווייב זי זאל זיין געזונט און שטארק, און מיט אסאך סבלנות קען מען ארויסנעמען אלע אלטע ווייטאג פון אלס קינד, פון שטוב און פון סקול, מען דארף אויסהערן און לאזן אויסרעדן - אפילו מען האט נישט וואס צו ענטפערן, מען ווייסט נישט וואס צו ענטפערן.

זע צו לערנען דיינע שיעורים כסדרן און זיי שטארק אין התבודדות.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

# נישטא קיין פערצופאל

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת במדבר, כ"ד אייר, שנת תשפ"ו לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. אז דו גייסט אריבער שווערע טעג, דו שפירסט ווי דו ווערסט צעקוועטשט - זאלסטו חס ושלום נישט האבן קיין קשיות אויפן אייבערשטן, גלייב אז אלעס וואס דער אייבערשטער טוט איז לטובה.

## א מעשה מיט צוויי חברים

די הייליגע חכמים דערציילן (נדה לא.), צוויי חברים האבן איינגעקויפט סחורה דאס צו פארקויפן אין א צווייטע לאנד, און אזוי גייענדיג צום שיף האט זיך איינער פון זיי צעבראכן די פוס און ער האט נישט געקענט גיין צום שיף, די שיף איז אוועק געפארן מיטן אנדערן שותף, מיטנעמענדיג אלע סחורה, און דער מענטש מיטן צעבראכענעם פוס איז אונטערגעבליבן, האט דער מענטש אנגעהויבן רעדן קעגן די אמונה, ער האט געהאט טענות צום אייבערשטן, און נאך א שטיק צייט האט ער געהערט אז די שיף איז איינגעזונקען אין וואסער מיט אלע מענטשן מיט די גאנצע סחורה, האט ער אנגעפאנגען דאנקען דעם אייבערשטן (ישעיה יב, א): "אוֹדְךָ ה' כִּי אָנַפְתָּ בִּי", איך דאנק דיך אייבערשטער אז דו האסט געצערנט אויף מיר - אז דו האסט מיר צעבראכן די פוס, און אזוי האב איך פארפאסט די שיף און געבליבן לעבן, "יָשֹׁב אַפְּךָ וּתְ'נַחֲמֵנִ'י", אין דעם פסוק איז מרומז דעם הייליגן רבינ'ס נאמען, דער רבי טרייסט אונז, דער רבי פילט אונז אן מיט אמונה, אז דער מענטש זאל דאנקען דעם אייבערשטן אויף אלעס וואס ער טוט מיט אים, אפילו וואס עס זעט אויס ווי שלעכטס.

ליבער ברודער, הארציגער חבר, אפילו ביי דיר האט זיך די מעשה נישט אזוי געענדיגט, זאלסטו זינגען און טאנצן: "אוֹדְךָ ה'", איך דאנק דיך אייבערשטער פאר אלעס, און אויך פאר אלעס וואס איז מיר אריבער"; גלייב איך באמונה שלימה אז עס איז נישטא קיין פערצופאל, נישטא קיין פאסירונג, נישטא קיין טבע, נישטא קיין טעותים; אלעס וואס פאסירט איז מיט א פינקטליכער חשבון.


**"איך דאנק דיך אייבערשטער פאר אלעס, און אויך פאר אלעס וואס איז מיר אריבער; גלייב איך באמונה שלימה אז עס איז נישטא קיין פערצופאל, נישטא קיין פאסירונג, נישטא קיין טבע, נישטא קיין טעותים; אלעס וואס פאסירט איז מיט א פינקטליכער חשבון"**


דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

**מיין נאנטער חבר טשעפעט מיר, זאל איך אים אפלאזן? איז דער תכלית אויף דער וועלט צו ליידן אדער הנאה צו האבן?**

*קוקטס ארויס אויף די קומענדיגן גליון בעז"ה!*


צו באקומען די גליון וועכענטליך אויף אימעיל,
טעקסט אייער אימעיל אדרעס צו: 347.651.1218
אדער שרייבט צו: trpy458@gmail.com
**קול ברסלב 212.444.9191 / בא"י 0797040066**